בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מאמר ב' ס"ג
פרשת שמות תשפ"ב

יו"ל פר' שמות תשפ"ג



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**משה** רבינו עליו השלום האט געזאגט **'והן לא יאמינו לי ולא ישמעו בקולי'** (ד, א), פרעגט דער **שפת אמת** (עי' תרל"ז ד"ה בפסוק, ולקוטים ד"ה והי' אם) איך פה קדוש יאמר דבר זה [וכדאיתא בספה"ק (עי' עבודת ישראל פר' מטות, וחומת אנך שם אות ב) על הפסוק (מטות ל, ב) 'לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה', מי שמקיים 'לא יחל דברו', שפיו שמור כראוי, אזי 'ככל היוצא מפיו יעשה' - דיבוריו מתקיימים. און אזוי ווערט געברענגט די לשון אין די גמרא (מו"ק יח., כתובות כג. וסב., ב"מ סח.) 'כשגגה שיצאה מלפני השליט' (קהלת י, ה. ועי' ברכות נו. מכות יא: וסנהדרין קב.)], און על אחת כמה וכמה ביי משה רבינו ע"ה - שלא היה כמותו, איז נישט מעגליך אז ער זאל זאגען א זאך וואס איז נישט רעכטיג, און פארוואס האט ער זיך אויסגעדריקט און געזאגט 'הן לא יאמינו לי', לכאורה וואלט ער געדארפען זאגען 'פן' לא יאמינו לי.

**נאך** פרעגט דער **שפת אמת**, אויפדעם וואס דער אייבערשטער האט געזאגט (ד, ח-ט) **'והיה אם לא יאמינו לך ולא ישמעו לקול האות הראשון** וגו', **והיה אם לא יאמינו גם לשני האותות האלה'**, ומי איכא ספיקא קמי שמיא, והלא הכל גלוי לפניו ית"ש, גם כמה אותות משה רבינו ע"ה יצטרך לעשות כדי שיאמינו [דער **אבן עזרא** טאקע שטעלט זיך שוין אויפדעם, און ער געבט צו פארשטיין אז טאקע קמי שמיא גליא אויב זיי וועלען גלייבען אדער נישט, נאר דער דברי ה' איז געווען לפי הנהגת העולם אז ס'דא א בחירה - און אזוי וויא ס'שטייט והיה אם תשמעו ואם לא תשמעו [ומש"כ שם האבע"ז 'ומשה', הכוונה הסתכלות של בו"ד שרואה הבחירה ואין לו הידיעה], אבער ווייזט זיך אויס אז דער שפת אמת האט געהאלטען, אז דא וויבאלד דער אייבערשטער האט געשיקט מרע"ה אויף א 'שליחות' אז ער זאלען מאכען 'אותות', איז דער 'דיבור' א קלארע זאך וואס עס ליגט אויף איהם צו טוהן, און אויב אזוי וואס איז שייך ספיקא כלפי שמיא].

**געבט** דער שפת אמת צו פארשטיין, אז געוויס טאקע האט יענער דור פון

די יוצאי מצרים גלייך געגלייבט, תיכף ומיד - נאך איידער די 'אותות', און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ה, לא) 'ויאמן העם וישמעו כי פקד ה' את בני ישראל', און חז"ל זאגען (שמו"ר ה, יג) 'יכול לא האמינו עד שראו את האותות, לא, אלא וישמעו כי פקד ה' - על השמיעה האמינו ולא על ראית האותות'. און די 'אותות' איז געווען פאר אלע קומענדיגע דורות, ווייל ס'איז דאך באוואוסט אז 'גלות מצרים' איז געווען די 'שורש' פון אלע גלויות, און אזוי וויא די **צדיקים** זי"ע האבען געזאגט אז אלע פרשיות פון ספר שמות וואס רעדען אויף גלות און גאולת מצרים - איז נישט נאר א מעשה פון אמאהל, אז מ'דערציילט אונז וואס האט פאסירט אין די פריעדיגע דורות, נאר מ'דארף זיך מיטשען אינדעם דאס צו פארשטיין בעיון ובעומק - ווייל דאס איז אויך שייך צו אונז אין אונזערע דורות, טראצדעם וואס מיר זענען שוין ארויס געגאנגען פון מצרים, פונדעסטוועגען די גלות און גאולת מצרים איז געווען אן הכנה אויף אלע גלויות'ן פון כלל ישראל, בכלל ובפרט (עי' לקוטי הרי"מ ד"ה בשם הרב), און אזוי וויא ס'שטייט (א, א) 'בני ישראל הבאים מצרימה' - א לשון הווה, ד. מ. אז אין יעדער 'דור' און 'דור' קומען אונז קיין מצרים, יעדער 'דור' און 'דור' מיט זיינע ענגשאפטען - מיצרים, און יעדער נפש און נפש מיט זיינע נסיונות אויף די וועלט - איז א בחינה פון הנדחים בארץ מצרים.

**און** מיר האבען נישט די מדרגות פון אמונה וואס די דור פון יוצאי מצרים האבען געהאט ווען זיי האבען דאס אליינט געהערט פון די מויל פון משה רבינו ע"ה, און אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (ברכות לג:) אויף יראת שמים **'אין לגבי משה מילתא זוטרתא היא'**, און די ספה"ק פארטייטשען דאס אז ס'מיינט 'לגבי' משה - די וואס געפינען זיך במחיצתו פון מרע"ה - די וואס האבען זיך געדרייט ביי משה רבינו ע"ה, און זיי האבען מקיים געווען 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו', זיי האבען געהאט די השפעה פון יראה מיט אמונה פון משה רבינו ע"ה, וויבאלד זיי זענען נשפע געווארען פון איהם און זיי האבען געהאט די אלע מדות (עי' בעש"ט עה"ת פר' עקב אות יד, וזרע קודש פר' עקב ד"ה גם יש לפרש). אבער

אונז אין די פינסטערע דורות, האבען נישט די השפעה פון משה רבינו ע"ה, און אויף די נידריגע דורות האט משה רבינו ע"ה געזאגט 'והן **לא** יאמינו לי', ער האט געזיכט א עצה אויך ווען די יודען וועלען זיין אין א נידריגע מדרגה און זיי וועלען נישט האבען קיין אמונה (עי' שפ"א סוף תרל"ג).

**און** צוליב דעם האט מען געדארפען האבען די אלע 'אותות', אריין צו ברענגען אמונה אין די יודישע קינדער אויף אלע דורות און אין אלע גלויות'ן, יעדער דור לויט זיין מדריגה, אויך דעמאלט ווען זיי וועלען נישט זיין במחיצתו פון משה רבינו ע"ה, און זיי וועלען נישט האבען דעם געפיהל פון אמונה פון די ערשטע 'אות', וועלען זיי האבען די צווייטע מיט די דריטע 'אות' (עי' שפ"א תרל"א סוד"ה וא"ל).

**אבער** מיר דארפען פארשטיין זיינע הייליגע ווערטער, ווייל מיר זעען דאך נישט די 'אותות', און טראצדעם וואס מיר גלייבען אודאי אז דאס וואס שטייט אין די תורה איז אמת ואמונה, אבער די 'אותות' בפועל זעען מיר נישט מיט אונזערע אויגען, און אויב ער מיינט צו זאגען אויף די רוחניות'דיגע כח וואס העלפט אריין צו ברענגען אמונה אויך אין די שפעטערדיגע דורות, פארוואס דארפען מיר דריי 'אותות', די רוחניות'דיגע כח קען דאך משפיע זיין אויך דורך איין 'אות'.

**נאר** דער פשט איז לויט דעם וואס שטייט אין מדרש (שמו"ר ג, יג) אז די דריי אותות זענען אנטקעגען די דריי אבות הק' - אברהם יצחק ויעקב, ד. ה. אז זיי זענען דריי כוחות אנטקעגען די שווערקייט פונעם גלות, און אזוי וויא יעדער פון די אבות האט איבער געלאזט א ספעציעלע כח פאר זיינע קינדער נאך איהם, אזוי אויך איז יעדער 'אות' א באזונדערע כוח פאר זיך, און אזוי וויא פאלגענדיג.

**דער** אות הראשון - דער ערשטע צייכען אז דער שטעקען - מטה איז איבער געדרייט געווארען און ס'געווארען א שלאנג, און ס'איז צוריק געווארען א שטעקען - איז אנטקעגען אברהם אבינו ע"ה, ווייל אברהם אבינו ע"ה איז אויסגעפריבט געווארען מיט צעהן נסיונות, און ביי די צענטע נסיון - די נסיון העקידה, האט דער

אייבערשטער געזאגט צו אברהם אבינו ע"ה (וירא כב, ב) 'קח נא', זאגט רש"י פון חז"ל (סנהדרין פט:) **'אמר לו, בבקשה ממך, עמוד לי בזה הנסיון, שלא יאמרו הראשונות לא היה בהן ממש'**, דארף מען פארשטיין פשט דערין, ווייל כלפי מעלה בארן אייבערשטען איז נישט שייך בכלל צו מאכען א חשבון פון 'מה יאמרו', ווייל צו דען איז דאס די חשיבות פונעם נסיון העקידה - צוריק צו האלטען דעם 'מה יאמרו הבריות'. נאר דער באדייט דערין איז, אז טאקע ביי אברהם אבינו ע"ה אליינט איז נישט געווען קיין שום ספק אז ער איז גרייט מקיים צו זיין דעם דבר ה' אין יעדער נסיון, אבער די יודישע קינדער אין אלע דורות ווערען דאך געשפייזט פון דעם וואס אברהם אבינו ע"ה איז בייגעשטאנען די עשרה נסיונות - אז יעדער איינער און איינער זאל קענען ביישטיין און זיך מתגבר זיין ביי זיינע נסיונות, און כדי אז אין די דורות האחרונים זאל א מענטש נישט טראכטען און זאגען **הראשונות אין בהם ממש** - ד. ה. אז אין די נסיונות פון אאע"ה איז נישט געווען אריין גערכנט א שווערע נסיון ווי מיינער, און כדי אז ס'זאל בלייבען די כח פון אאע"ה אויף אלע נסיונות אין אלע דורות, האט איהם דער אייבערשטער געזאגט **'בבקשה ממך עמוד לי בזה הנסיון'** מיט'ן גאנצען כח און מיט'ן גאנצען שטארקייט - כדי צו צו העלפען אויף די שפעטער'דיגע דורות אין זייערע נסיונות.

**און** דאס איז געווען די 'אות' אז דער שטעקען איז איבער געדרייט געווארען אויף א שלאנג, פון א שלאנג ציטערט מען און מ'לויפט פון איהם אוועק, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (ד, ג) 'וינס מפניו', פונדעסטוועגען איז משה רבינו ע"ה באפוילען געווארען 'שלח ידך ואחוז בזנבו ויחזק בו ויהי למטה בכפו' (ד, ד), ווייל די 'נחש' - שלאנג סימבאליזירט און ווייזט אויף נסיונות, און א מענטש קוקט אויף די נסיונות אזוי וויא א שרעקעדיגע און בייסע'דיגע שלאנג, אבער אין אמת'ן אריין אויב ער וועט זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות פונעם יצר, און ער וועט מקיים זיין 'אחוז בזנבו' - ער וועט זיך כאפען און וועט ביישטיין דעם נסיון, דאס אליינט וועט איהם זיין אלץ א שטעקען - א אנלען וואס

ער זאל זיך קענען אנלענען אויפדעם, ווייל פון די כוח פון דעם התגברות וועט ער זיך קענען מתגבר זיין אויף די קומענדיגע נסיונות.

**און** דאס איז די ענטפער פאר די אלע וואס רעדען זיך אפ און דז'אלעווען זיך, אז דער יצר פראבירט זיי אויס מיט נסיונות נאכאמאהל און נאכאמאהל, און געוויס טאקע אז זיי האבען זיך אפאהר מאהל מצליח געווען זיך צו שטארקען אוןביישטיין די נסיונות, אבער פונדעסטוועגען נאך אפאהר מאהל וואס זיי האבען זיך מתגבר געווען, זענען זיי געשטרויכלט געווארען און אראפ געפאלען, און וויא אזוי וועלען זיי זיך קענען דערהייבען פון זייערע נפילה.

**דארף** יעדער איינער און איינער וויסען, אז יעדער מאהל וואס ער האט זיך מתגבר געווען און געשטארקט אויף זיין יצר און ער איז בייגעשטאנען א נסיון, איז דאס א כוח און א שטארקייט, און א שטעקען זיך אנצולענען אויף איהר, וואס דורך זיי קען ער זיך צוריק כאפען פון זיין נפילה און ממשיך זיין זיך מתגבר צו זיין נאכאמאהל און נאכאמאהל. ווייל יעדער התגברות וואס זאל נאר זיין ווערט נישט פאלוירען - אפילו אויב ער איז שפעטער אראפ געפאלען, ווייל אין זיין נשמה לייכט א 'אור יקרות בנהירין עילאה' - א אויסטערלישע ליכטיקייט מיט א העכער'ן שיין פון יענער התגברות, ווייל יעדער'ס מאהל וואס ער איז בייגעשטאנען אין א נסיון, האט ער אנטפלעקט די אינערליכ'ן כוחות פונעם נפש וואס ער האט אין זיך. און עס איז טאקע פארהאנען נפילות - און מען דארף זיך פארמעסטען מיט זיי, אבער דער מענטש טאר נישט לאזען זיין יצר הרע זאל איהם אפ נארען אז די נפילות זאלען אפשוואכען זיינע הענט אז ער זאל זיך נישט קענען שטארקען און דערהייבען, ווייל יעדער מאהל וואס א מענטש איז בייגעשטאנען א נסיון, געבט דאס <u>איהם</u> א כוח אז ער זאך זיך קענען שפעטער שטארקען, טראצדעם וואס אינצווישען האט ער געהאט נפילות.

**און** אזוי האבען חז"ל געזאגט (ב"ר נה, א) אויפ'ן נסיון פונעם עקידה, אז ס'שטייט (תהלים ס, ו) 'נתתה ליראיך

נס להתנוסס' - 'נסיון אחר נסיון', און ס'שטייט אין ספה"ק (עי' שפ"א לך תרמ"ד ד"ה עשרה) אז דאסווארט 'נסיון' איז פון די לשון פון 'נס והרמה', ווייל אין יעדער נסיון וואס א מענטש שטייט דערביי, הייבט דאס איהם אויף, נאר בשעת'ן נסיון - איז דער מענטש צומישט, און צוליב די 'טירוף הדעת' שפירט ער נישט דעם דערהויבנקייט, אבער אויב מיר וואלטען געהאט ריכטיגע אויגען, וואלטען מיר געזעהן וויא אזוי יעדער נסיון איז א מטה ומשענת - נאך א כח און נאך א אנלאן אויף זיך צו קענען מתגבר זיין אויף די קומענדיגע נסיונות.

**און** דער 'אות' איז טאקע געמאכט געווארען מיט די שטעקען פון משה רבינו ע"ה, וואס איז נאך געווען פון די צייטען פון אברהם אבינו ע"ה (פרדר"א פרק מ), וואס איז אויסגעפריבט געווארען מיט די עשרה נסיונות, פאר אלע דורות נאך איהם

**והאות** השני היה - און דער צווייטע צייכען איז געווען 'הָבֵא נא ידך בחיקך וַיָּבֵא ידו בחיקו ויוציאה והנה ידו מצורעת כשלג, ויאמר השב נא ידך אל חיקך וגו' והנה שבה כבשרו' (ד, ו-ז), און דאס איז אנטקעגען יצחק אבינו ע"ה. און דער פשט אינדעם איז, דארף מען אריינקלערען פארוואס האט מרע"ה געדארפען אריינלייגען זיין האנט אינעם ביזעם, דער אייבערשטער קען דאס מאכען אנדעם וואס ער זאל דארט אריינלייגען זיין האנט, און ער וואלט געקענט אנהעגען דעם צרעת מיט די רפואה מיט דעם וואס ער זאל אויפהייבען דער האנט אדער איין האנט זאל אנרירען אינעם אנדערען האנט, און די מדרש שטעלט זיך שוין אויפדעם (שמו"ר ג, יג) [ואמרו שם במדרש דמשום שהלקוהו בצרעת לרמז לו שדיבר לשון הרע על בני ישראל (עי' שבת צז. ושמו"ר שם), לכן שפיר הוצרך להכניסה לחיקו, לפי שדרך לשון הרע לאומרו בסתר (עי' ערכין טז.) לכן הכניסה בחיקו [ומכאן תוכחת מגולה למספרי לשון הרע ברבים, שעומדים חבורות חבורות של אנשים ומספרים לשון הרע, שהרי בימי חז"ל גם העוברי עבירה שהיו מספרים לשון הרע, היו מעודנים יותר וסיפרו רק בחשאי]. אבל על פי פשטא דקרא יש להבין].

**וי"ל**, ווייל ס'שטייט אין מדרש (ב"ר מח, ב) אז דער פסוק (איוב יט, כו) 'ואחר עורי נִקְפוּ זאת ומבשרי אחזה אלו-ה' גייט ארויף אויף מצות מילה, געבט דער **שפת אמת** צו פארשטיין (וירא תרנ"ד ד"ה וירא) אז אויך אינעם גוף פון יעדער יוד - אין יעדער איינער פון זיינע גלידער קען דער מענטש אנטפלעקען צו זעהן דאס געטליכקייט, און נישט נאר פון זיין נשמה קען ער וויסען און אנטפלעקען דאס געטליכקייט, אזוי וויא ס'שטייט 'מבשרי' אחזה אלוק, ווייל אויב נישט די עבירות וואס דער מענטש איז עובר און די שמוץ פונעם הבלי עולם הזה, וואלט דער מענטש אנערקענט דעם אייבערשטען פון זיין קערפער - מבשרו, נאר די עוונות פארשטעלען דאס, ווייל דורכדעם וואס ער באהעפט זיך צום גשמיות, דעקט דער 'גוף' צו דעם 'נפש'.

**און** דער שפת אמת שרייבט דארט א דבר נפלא, אז נישט נאר די עוונות וואס ער האט שוין געטוהן פארדעקען דעם הארת הנפש, נאר אויך די עבירות וואס ער גייט טוהן פארדעקען דעם אור הנשמה, ווייל פאר'ן אייבערשטען איז עבר הוה ועתיד אלץ איינס [ויש לעיין מדברי חז"ל (ר"ה יז:) אני ה' קודם שיחטא, שהראשונים מקשים שם אמאי צריך סיוע קודם שיחטא]. און דער שפת אמת שרייבט דארט בעיקר אויף די שווערע חטאים - די קנאפע עבירות וואס ווערען אנגערופען ביי מענטשען 'נגעי בני אדם', וואס נאך פאר וואס ער זינדיגט אין זיי פארשטעלען זיי און מאכען נישט קלאר דעם אור הנפש, און דערפאר ווען ער וויל שפירען דעם נפש מיט'ן נשמה - החלק אלוק ממעל, קען ער נישט שפירען דעם אור הרוחני.

**אבער** ס'דא אן עצה און א וועג צו צוקומען צו 'ומבשרי **אחזה אלו-ה'** - דורכ'ן מצות מילה, וואס איז דער ערשטע מצוה וואס איז געגעבען געווארען נאר פאר די יודען, און גלייך נאכ'ן געבורט מל'ט מען יעדעם איינעם, ווייל דערנאך וואס מען איז מקיים 'אחר עורי נקפו זאת' מיט אראפ נעמען דעם ערלה און דעם צודעק פון די גשמיות, קען מען צוקומען צו 'ומבשרי אחזה אלו-ה' ממש פון די גשמיות'דיגען גוף, דורך די רמ"ח אברים און שס"ה גידים. ווייל די מצות מילה העלפט צו

פאר יעדער יודיש קינד, אז אויך בחיים חיותו אין די גשמיות'דיגע וועלט, האט ער דער מעגליכקייט אראפ צו נעמען פון זיך אלע גשמיות'דיגע פארשטעלכצער, אז ס'זאל מקויים ווערן 'ומבשרי אחזה אלו-ה', און אויך אויב ער וועט זינדיגען חס ושלום וועט ער קענען אומקערען דורך די אור פון די מצות מילה, עד כאן תוכן דברי השפת אמת.

**און** אט שטייט אין די גמרא (ברכות ה:) אז רבי יוחנן '**גלייה לדרעיה ונפל נהורא**', און לכאורה איז שווער, פארוואס האט ער געדארפען אויפדעקען זיין ארעם, '**חכמת אדם תאיר פניו**' - אויב אזוי וואלט ער געדארפען זיין אז '**נפיל נהורא**' פון די פנים פון רבי יוחנן. נאר דער באדייט דערין איז אז דער עיקר עבודה איז צו אנטפלעקען דאס ליכטיגקייט אין די 'עבודה' אינעם עולם המעשה - טאג טעגליך, צורייסען דאס ים בגלוי, און '**דרעיה**' מיינט דאס וואס דער מענטש גיבט ארויס בפועל אין די עולם המעשה, און אויך די עבודת עולם המעשה האט געלויכטען ביי רבי יוחנן.

און אויב ס'איז אזוי געווען ביי רבי יוחנן, איז אוודאי אז דער האנט פון משה רבינו ע"ה האט ספּציעל געלויכטען, ווייל ס'שטייט דאך אויף איהם 'ותרא אותו כי טוב הוא' (ב, ב), אבער ביים צווייטען אות איז זיין האנט געווארען מצורעת מיט א נגע - אין פחות מנגע, און אוודאי געוויס אז משה רבינו ע"ה האט נישט געהאט קיין שום שייכות צו די סארט זאכען, נאר עס איז געווען פאר די קומענדיגע דורות. און פונדעסטוועגען איז דאס געווען נאר א כיסוי - צודעק, בשעת ווען ער האט אריינגעלייגט זיין האנט בחיקו, ווייל אויך אין די נידריגע דורות איז דער גשמיות'דיגע גוף נאר א צודעק צו די ליכטיגקייט פון די נשמה.

**און** דאס איז דער באדייט וואס דער צווייטע אות איז מרמז אנטקעגען יצחק אבינו ע"ה, ווייל יצחק אבינו ע"ה איז געווען א עולה תמימה - אן קיין שייכות צום גוף, או דערפאר איז דער לשון פון חז"ל אין אפאהר ערטער 'אפרו של יצחק' (ברכות סב: ועוד) - טראצדעם וואס ער איז נישט פארברענט געווארען בפועל בשעת'ן עקידה, נאר ער האט נישט געהאט קיין

שייכות צו גופניות'דיגע זאכען, און נאך בחיים חיותו איז ער געווען גערעכנט אלץ א מת און דער יצר הרע איז פסק ממנו (רש"י ויצא כח, יג), כליל לה'. און יצחק אבינו ע"ה איז געווען דער ערשטער וואס איז געמל'ט געווארען ביים אכטען טאג - גלייך נאנט צום געבוירען ווערען, און ער האט געהאט אין זיך דעם כח המילה וואס העלפט צו אנטפלעקען דער קדושה אינעם בשר ודם פון א יוד, אראפ צו נעמען דעם צודעק און דעם פארשטעליכץ פונעם גוף.

**און** יעדער איינער און איינער האט דער מעגליכקייט אויס צו לויטערען זיין גוף, און יעדער איינער דארף אויס לויטערען זיין גוף, מיט די כח פון 'בריתך שחתמת בבשרינו', ווייל גלייך ביים אכטען טאג פון געבורט גיבט מען איהם דעם כח אז ער זאל זיך קענען דערוועקען און זיך שטארקען צו שפירען דעם אור ה', און אויך אויב ער איז געשטרויכלט געווארען און ער איז אריין געפאלען אין די נגעי בני אדם, דארף ער געדענקען אז ס'איז נישט בלויז מער וויא א דרויסענדיגע צודעק, און ער אליינט איז נישט קיין אויסווארף - עברייין און נישט קיין זינדיגער, ווייל אין פנימיות פון א יוד לייכט דעם אור ה' און ער האט א יודישע זעהל, און אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין - קען ער צוקומען עד כדי אז עס זאל זיין 'ומבשרי אחזה אלו-ה'. דאס איז דער צווייטער אות וואס איז געגעבען געווארען ספּציעל פאר די שפּעטערדיגע דורות - פון דעם כח פון יצחק אבינו ע"ה.

**והאות** השלישי - און די דריטע צייכען איז 'והיו המים אשר תקח מן היאור והיו לדם ביבשת' (ד, ט), וואסער האט נישט קיין אייגענע צורה-פארם, און עס ווענדט זיך וואס מען טוהט דערמיט, וואסער קען זיין 'מים חיים' וואס איז מטהר פון די שווערסטע טומאות, און עס קען אויך דינען אויף פארקערט פון טהרה, אזוי וויא די באוואוסטע מעשה פונעם **בעל שם טוב זי"ע** וואס ער איז געגאנגען מיט די תלמידים זיינע אינטערוועגענס, און ער האט געזעהן א טייך וואס די וואסער איז פארפרוירען געווארען און די גויים האבען ארויף געקריצט דערויף א צלם - שתי וערב,

האט דער בעש"ט זי"ע געזאגט צו די תלמידים, קוקטס תלמידים קוקטס, טראצדעם וואס וואסער איז מטהר פון די שווערסטע טומאות, אבער אויב עס איז פארפרוירען - קען מען ארויף קריצען אויף איהר א דבר טמא. און אזוי אויך האט הרה"ק הרבי ר' **בונם זי"ע** געזאגט אז א מענטש קען פארגרעבט ווערען בלויז פון א ביסעל וואסער (עי' רמתים צופים מערכת הר"ר בונם זי"ע אות סד), און עס איז געווען **צדיקים זי"ע** וואס האבען אכטונג געגעבען נישט צו טרינקען בלויז וואסער פאר זיך. ווייל עס ווענדט זיך וויא אזוי און וואס טוהט מען מיט די וואסער.

**און** דאס איז וואס שטייט אין פסוק **'והיו לדם ביבשת'** - און רש"י פארטייטשט **'שלא יהיה דם עד שיהיו ביבשת'**, ווייל אויב ווען מען לעבט און מען געפינט זיך דא אויף די וועלט, רירט מען אן און מען טרעט אויף די קרקעית היבשה - פון די הבלי עולם הזה, און מען דערהייבט זיך נישט פונעם ארציות און פונעם עולם הזה, דעמאלט ווערט דער וואסער איבער געדרייט צו בלוט - וואס דארט איז די פלאץ פון אלע שלעכטע רצונות, די רתיחת הדמים וואס ברענגט צו צו די שווערע חטאים מיט די נגעי בני אדם.

**און** דעריבער איז די דריטע אות אנטקעגען יעקב אבינו ע"ה, וואס ער איז אריבער געגאנגען דעם ירדן וואס ווייזט אויפדעם וואס א מענטש הייליגט די דברי הרשות, אויף איהם איז געזאגט געווארען **'יחד לב וגל אבן'** (תפלת גשם) - וואס ער האט געעפענט און אויסגעלערנט דעם וועג פאר זיינע קינדער נאך איהם וויא אזוי מ'קען אנטפלעקען און אויפדעקען די אמת'ע ציכטיגע און לויטערע וואסער. און פון זיין כוח קען מען זיך איבערשטארקען אויף די שוועריקייטען - דורכדעם וואס מען דערהייבט זיך פון איבער די טריקעניש.

**ס'דא** אזעלכע וואס פרעגען, וויא אזוי קען מען זיך דערהייבען פון אויף די עולם הזה?! מיר לעבען דאך אויף די מגושמ'דיגע וועלט - און מען דארף זיך באנוצען מיט די חומריות, און מיר דארפען גיין און טרעטען אויף די טריקעניש פון די ערד, איז וויא אזוי קען מען זיך דערהייבען?!

די ענטפער דערויף איז, אז **דורכדעם וואס מען דערווייטערט זיך פון אלע 'ארגיליא' פונעם עולם הזה**, און מען איז באהאפטען אין די וועג פון יעקב אבינו וואס האט אונז געוויזען און אויסגעלערנט וויא אזוי מען הייליגט זיך און מען איז מקדש די דברי הרשות, זיך צו דערווייטערען אויך פון דברי היתר, **אזוי קען מען זיך דערהייבען פון די ארציות**, און דער וואסער ווערט נישט איבער געדרייט צו בלוט.

**צדיקים** זי"ע האבען פארציילט אז אמאהל האט מען געזעהן הרה"ק רבי דוד משה מטשורטקוב זי"ע ווען ער איז געווען א יונגעל וויא ער שטייט מיט א בייגל אין דער האנט און וויינט, האט מען איהם געפרעגט פארוואס וויינסטו, האט ער געענפערט וויבאלד ער איז הונגעריג, האט מען איהם ווידער אמאהל געפרעגט אט האסטו דאך עסען אין דער האנט איז פארוואס עסט דו נישט, האט דער יונגעל געענטפערט ס'איז רעכטיג טאקע אז איך וויל עסען, אבער מיין טאטע [דער הייליגע ריזינער זי"ע] האט מיר געזאגט אז א זאך וואס גלוסט מיר און איך וויל, דארף איך זעהן זיך צוריק צו האלטען פון דעם, און מ'טאר דאס נישט טוהן. **דער אייבערשטער אין הימעל זאגט צו יעדער איינער פון אונז: דאס וואס מען וויל, טאהר מען נישט טוהן, דאס וואס ס'גלוסט זיך, דארף מען נישט צו טוהן.** דאס איז די התרוממות פון די ארציות וואס עס פאדערט זיך פון אונז, זיך צו דערווייטערען פון א דבר היתר און מקדש זיין די דברי הרשות, און מען מיינט נישט דווקא א סארט התגברות פון נישט צו עסען די בייגל אזוי וויא די אויבען דערמאנטע מעשה, נאר יעדער איינער ווייסט נגעי נפשו און ער ווייסט וואס מען מיינט, זיך צו דערווייטערען און זיך דערהייבען פון די עניני עולם הזה, אדער פון אנדערע סארט זאכען וואס בינדען איהם צו און צועהן איהם צו ארציות.

**מיר** שטייען יעצט אין די ימי השובבי"ם, ס'איז טאקע זייער חשוב צו לערנען שעות רצופות, און צו צולייגען א זהירות אין די טעג. אבער ס'איז אסאך מער וויכטיג און חשוב, אריין צו לייגען אינעם וויסענשאפט: **איך בין א בן מלך, און איך פארמאג אין**

**זיך כוחות זיך צו מתגבר זיין און זיך צו דערהייבען**, און מען טאר זיך נישט מייאש זיין פון נפילות, און אפילו אויב עס מאכט זיך נפילות, און עס זענען דא נפילות - ווייל יעדער איינער איז נישט מער וויא א בשר ודם, און דער אייבערשטער זעהט די נפילות און ער זעהט אויך די קומענדיגע נפילות וואס וועלען קומען, אבער פונדעסטוועגען האט יעדער איינער א 'אור הנפש', און יעדער יוד האט דער כח צו אנטפלעקען דעם אינערליכען כח וואס ליגט באהאלטען אינעם יודישען נפש, און אזוי וויא ס'איז געווען בשעת יציאת מצרים 'על צבאותם', אזוי אויך לדורות עולם איז 'מיפקד פקידי' דעם רוחניות'דיגע כח און דער קדושה, אז שטענדיג קען מען אנטפלעקען דעם טוב הגנוז אין יעדער יודישען נפש.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין שטענדיג צו טוהן זיין רצון ית"ש, און איהם צו דינען בלבב שלם.